ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'
לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com
**הבהרה:** מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז **נישט ערלויבט** צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז נישט ערלויבט** צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

# הילולא דצדיקיא

פרשת בא, שנה י' גליון 15 (309)

## הרב הגאון ר' יעקב יהושע פאלק בן ר' צבי הירש זי"ע - פני יהושע - מגדולי האחרונים - יד' שבט תקט"ז

**געבוירען:** כ"ח כסלו אין יאר תמ"א אין קראקא צו זיין טאטע ר' צבי הירש און צו זיין מאמע מרת מרים ע"ה. **אוועק:** יד' שבט תקט"ז (75 יאר אלט). **חתונה געהאט:** 1) דער טאכטער פון דער פרנס אין לבוב ר' שלמה לנדא סג"ל, אבער ליידער איז זי אוועק ביי א פייער וואס האט פארברענט זיין 36 יודען אינצווישען זיין גאנצע משפחה. 2) מרת טויבא דער טאכטער פון השר והנגיד ר' ישכר בער פון לעמבערג. **קינדער:** 1) גיטל ע"ה (פארברענט אין די פייער מיט זיין משפחה), 2) מייטל, 3) ר' נתן (געדריקט זיין טאטע'ס ספרים), 4) ר' בער, 5) ר' שמואל פון בראדי, 6) ר' ארי' לייב. **תלמיד:** 1) די ברידער פון זיין מאמע' ר' שמואל אב"ד רישא, 2) דערנאך פון ר' גבריאל אב"ד ניקלושבורג, 3) ר' חיים רייצער אין לבוב. (אין לבוב האט ר' פנחס משה חריף איהם געשטעלט איבער אלע מלמדים, און אהן זיין רשות האט קיינער נישט געמעגט ווערן א מלמד) **געווען רב:** לבוב, רייטשוואהל, ליסקא, טיקטין, בערלין, מיץ, פרנקפרוט דמיין, ווירמייזא. **זיינע תורות:** זענען אין ספר 'פני יהושע'. **ער ליגט:** נפטר אין אויפיבאך, מען האט איהם געפירט קיין פרנקפורט דמיין.

---

## גערעטעוועט פון פייער

**דער** הייליגע פני יהושע האט געהאט אסאך תלמידים ווי ער פלעגט זאגען שיעור א יעדען טאג פאר זיינע תלמידים. אמאל אינמיטען לערנען אויף ג' כסלו תס"ג, איז געשען א פייער אין די שטאט פון די הייליגע פני יהושע, און וויבאלד אין זיין הויז זענען געווען פעסער פון שטויב וואס איז זייער שעדליך פאר פייער, האט זיךדי פייער אנגעכאפט אין די שטויב און שטארק צושפרייט, און עס זענען ליידער אוועק 36 יודען, און צווישען זיי זיין ווייב, שווער און שוויגער און א טאכטער און נאך מענטשען. זיין הויז ווי ער האט געלערנט מיט תלמידים וואס איז געווען געמאכטפון האלץ און שטיינער איז צוזאם געפאלען אויף א יהם, און ער איז געווען צווישען די חורבן און נישט געקענט ארויס גיין, האט ער צוגעזאגט אז אויב עס וועט איהם געשען א נס, אז ער וועט גערעטעוועט ווערען וועט ער לערנען ש"ס טיפערהייט מיט אלע מפרשים און זיך נישט רירען פון לערנען, ווי נאר ער האט געהאלטען אינמיטען דאס זאגען איז געשען א נס אז ער האט געזען א וועג צו קענען ארויס גיין אינמיטען אלע חורבות. ער האט טאקע געטוהן וואס ער האט צוגעזאגט און געלערנט ש"ס מיט א טיפקייט, און ארויס געגעבען זיין באקאנטע ספר 'פני יהושע' וואס איז באקאנט און אנגענומען ביז היינט ביי אלע וואס לערנען ש"ס.

## זיינע ברילען

**אסאך** יארען נאך זיין פטירה איז געווען א מענטש וואס איז געבוירען בלינדערהייט, וואס בדרך הטבע האט עס נישט קיין היילונג. **דער** יוד האט געהאט א ליבשאפט צו ספרים דערפאר פלעגט ער גיין אין בהמד"ר מסדר זיין ספרים וואס ער האט געקענט פילאען מיט זיינע הענט. איינמאל איז ער געגאנגען אין בהמד"ר און געטאפט מיט זיינע הענט און מסדר זיין די ספרים, אזוי אינמיטען טאפען האט ער געשפירט דארט ברילען (גלעזער), און ער האט עס אנגעטוהן. עס איז געשען א נס אז ער האט געקענט זעהן, און צו זיין גרין פרייד איז נישט געווען קיין עק. פון דעמאלסט ווען ער האט אנגעהאט די ברילען האט ער געקענט זעהן, און ביים אויסטוהן האט ער נישט געקענט זעהן. ער האט גאר שטארק אכטונג געגעבען אויף דעם און טאקע האט דאס איהם גאר שטארק באגלייט במשך זיין גאנצע לעבן. שפעטער איז מען געוואר געווארען אז דאס איז געווען די ברילען פן די הייליגע פני יהושע.

**ווען** דער יוד איז אוועק פון דער וועלט און מען האט צוטיילט די ירושה צווישען די קינדער, האט א יעדע פון די קינדער געוואלט האבען די חשובע און הייליגע ברילען דערוויל אזוי ווי מען רעדט ארום איז די ברילען אראפ געפאלען אין זיך צובראכען. האט מען פארשטאנען אז פון הימעל האט מען דאס צוגעגרייט פאר דער יוד, און ווען ער האט עס מער נישט געדארפט האט זיך עס צובראכען.

## זיין לערנען

**ווען** דער הייליגער פני יהושע האט געלערנט האט ער נישט געוואוסט וואס טוט זיך ארום. עס ווערט פארציילט אז איינמאל זענען זיינע תלמידים נישט געקומען לערנען אין בית המדרש צוליב די גרויסע און שטארקע קעלט וואס איז געווען יענע טאג אין די גאס און אין שול, דער פני יהושע איז אבער געזעצען אין בהמד"ר מיט די טלית און תפילין וויל נאך די מעשה פון די פייער וואס איז געשען ביי איהם אינדערהיים און ער איז גערעטעוועט געווארן, האט ער זיך אונטער גענומען צו זיין אין שול פאר 2 יאר, און ער האט דארט געלערנט 18 שעה א טאג אהן אויפהער, און ער איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען אז ער האט גארנישט געשפירט די קעלט (עס איז נישט געווען קיין הייצונג, וויל קיינער איז נישט געקומען צו אנגרייטן די האלץ זאל ברענען, אזוי ווי מען האט געדארפט טוהן אין די אמאליגע טעג). אינמיטען טאג ווען עס איז געווארען אביסעל ווארעם זענען אפאר תלמידים געקומען, און זיי האבען געזען ווי זייערע רבי זיצט אריין געטוהן אין א ספר און זיין בארד איז צוגעקלעפט צו דער טיש מיט אייז, און ער האט דאס גארנישט באמערקט, נאר יעצט ווען די תלמידים זענען געקומען און ער האט געקוקט אויף זיי צו קענען לערנען, האט ער זיך געכאפט אז עס איז קאלט, וואס ער האט נישט געשפירט ביז יעצט וויל ער האט געהאלטען אינמיטען לערנען, האבען די תלמידים איהם שנעל געברענגט ווארעם וואסער אז ער זאל נישט זיין אין קיין סכנה.

## דער לייב

**איין** אינדערפרי איז דער צדיק געגאנגען דאוונען מיט די טלית און תפילין אנגעטוהן, אבער עס איז נישט געווען קיין איין מענטש אויף דער גאס, און ער האט זיך זייער געוואונדערט פארוואס די גאס איז ליידיג, ביז ער האט באמערקט אז א לייב

דרייט זיך אויף דער גאס און א יעדע האט מורא צו גיין אויף דער גאס. האט דער צדיק אויפגעהויבען זיין טלית וואס איז געווען אויף זיין פנים, און ווי דער לייב האט איהם געזען מיט זיין טלית און תפילין איז די לייב אוועק געלאפען, און אזוי איז דער גאנצע שטאט געראטעוועט געווארען.

### אין איין מינוט

**עס** איז אמאל געווען אן עושר וואס האט זיך גרויס געהאלטען אז ער וועט קיינמאל נישט ווערען ארים, צוליב זיין גרויס פארמעגען וואס איז אויסגעשפרייט אויף דער וועלט. דער צדיק האט איהם מוסר געזאגט אויף דעם אז אלעס קומט פון דער אייבישטער, אבער די רעדען האט גארנישט געהאלפען איהם צו אויפוויזען אז מען דארף זיך שטענדיג פארלאזען אויף דער אייבישטער, ביז דער צדיק האט געזאגט אז עס וועט נאך קומען א צייט וואס ער וועט זיך נאך איבער צייגען אויף דעם.

**איינמאל** אינמיטען נאכט איז דער מענטש אויפגעשטאנען מיט א משוגעת אז ער וויל זיך חלילה שמדן, איז ער געגאנגען צו א גלח בעטען זיך צו שמדן, אבער דער גלח האט מורא געהאט אז דער יוד מאכט ליצנות פון איהם און מארגען וועט ער חרטה האבען, דערפאר האט דער גלח איהם געהייסען אז ער זאל חתמנן אז אויב ער ציהט צוריק באקומט ער זיין גאנצע פארמעגען, און דער גלח האט אוועק געלייגט די צעטעל אין זיין הויז. אינדערפרי האט ער זיך געכאפט וואס ער האט געטוהן, און ער האט צוריק געצויגען אז ער וויל זיך נישט שמדן, איז ער אוועק געלאפען פון דער גלח'ס הויז און ער איז געלאפען צו דער צדיק אז ער וויל תשובה טוהן, אבער יעצט וועט ער פארלירען זיין גאנצע פארמעגען און איין סקונדע, און ער האט געזאגט אז ער גלייבט שוין אז מען קען און איין מינוט ווערען ארום. אבער ער בעהט אז דער צדיק זאל איהם וויזען אז מען קען אויך אין איין מינוט ווערען רייך, האט דער צדיק געזאגט אז ער וועט דאס אויך זעהן. דער נעקסטע צופרי איז געשען א פייער אין דער הויז פון דער גלח, און אלעס איז פארברענט געווארען, אויך דער צעטעל וואס דער יוד האט געשריבען אז ער געבט אלס אוועק, ממילא איז זיין פארמעגען געראטעוועט געווארען. דער יוד האט שוין געוואוסט קלאר אז דער אייבישטער קען אלעס טוהן אין איין מינוט.

## א מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

**ווען** דער בעש"ט האט צושפרייט זיין נייע וועג פון חסידות אויף דער וועלט, זענען געווען אסאך קעגענער'ס אויף דער וועג מיינענדיג אז עס איז א פאלשע זאך. צווישען זיי זענען געווען די תלמידי חכמים פון בראד, דערפאר האבען זיי גערופען דער בעש"ט זאל קומען אויפקלערן זיין נייע וועג פאר זיי, און דער בעש"ט וויסענדיג אז זיי זענען עהרליכער תלמידי חכמים, האט מסכים געווען און ער איז אהין געפארען אינאיינעם מיט זיין תלמיד ר' וואלף קיצעס ז"ע.

**אינמיטען** וועג זענען זיי אריבער א וואלד וואס איז געווען באדעקט מיט שניי, און עס איז געווען שווער צו פארען. עס איז דעמאלסט געווען ט"ו בשבט, אבער די ביימער האבען דעמאלסט נישט געהאט קיין פרוכט, און עס האט זייער געשטערט פאר'ן בעש"ט אז ער וועט נישט קענען מקיים זיים דער מנהג פון עסען פרוכט אויף חמשה עשר בשבט. איז דער בעש"ט צוגעגאנגען צום בוים און געזאגט די ווערטער וואס מיר זאגען ראש השנה און יום כיפור ביים דאווענען '**וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו**', און גלייך האט מען געזעהן אויף דער בוים אפאר טייטלען, און זיי האבען געמאכט א ברכות העץ און א שהחיינו און געגעסען מיט גרויס פרייד.

**זעהענדיג** דעם אפענעם מופת האט ר' וואלף ז"ע גענומען פון די טייטלען און אריין געלייגט אין א פושקע, כדי צו וויזען פאר די חכמי בראד, און מיט דעם אויפוויזען דער כח פון בעש"ט. אנקומענדיג קיין בראד האט ער געזעהן אז דער פושקע איז פיל מיט וואסער, און ער האט זיך שטארק געוואונדערט וואס דא האט פאסידט? האט דער בעש"ט געזאגט '**מען קען נישט איבערוויזען א בית דין מיט מופתים! אפילו אין הימעל וויל מען דאס אויך נישט. מיר האבען אנדערע וועגן דאס אויפצווייזען**'.

**עס איז דא נאך א מעשה, אדער איז עס די זעלבע מעשה מיט אן אנדערע נוסח:** דער בעש"ט איז אמאל געפארהען מיט מיט זיין תלמיד ר' משה פון דאלינא אויף א ווייטע וועג וואס פארט אדורך א קאלטע וואלד פיל מ יט שניי. ווען עס איז געקומען חמשה עשר בשבט האבען זיי געזוכט פרוכט, צו קענען מקיים זיין די מנהג פון מאכען א שהחיינו חמשה עשר בשבט. פלוצלונג באמערקען זיין אין די טיפע וואלד א הערליכע און ווארעמע גארטען פיל מיט שיינע פרוכט און זיי האבען געגעסען. דער תלמיד האט איינגעפאקט אפאר פרוכט כדי אהיים צו נעמען פאר זיין משפחה און געפארען ווייטער. אינמיטען וועג האט ער געטראכט אז ער וואלט געדארפט נעמען מער פרוכט און ער האט געוואלט צוריק גיין נעמען נאך, אבער ער האט מער נישט געזען דער גארטען, האט ער מיט וואונדער געפרעגט זיין רבי דער בעש"ט וואס גייט דא פאר? האט זיין רבי איהם געענטפערט '**אז דער גארטען איז קיינמאל נישט דא געווען, נאר צוליב דער הייליגע מנהג האב איך געברענגט א גארטען פון ארץ ישראל וואס דארט איז יעצט ווארעם, אבער וויבאלד איך האב עס נאר געברענגט פאר א מצוה און פון א נס טאר מען נישט הנאה האבען, דערפאר איז עס אוועק געגאנגען, און אפילו די פרוכט וואס דו האסט אוועק געלייגט וועסטו אויך נישט האבען**', און טאקע זענען יענע פרוכט אויך פארשוואונדען געווארען.